בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאר׳ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## אוֹיפְזוּכְן גוּטֶע זַאכְן

׳אִיךְ בִּין זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶס הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט מַיין גַאנְצֶע הוֹיז, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין הוֹיז וואוּ צוּ וואוֹינֶען, מַיינֶע זַאכְן זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט, לָאמִיר גֵיין קוּקְן צְוִוישְׁן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע זַאכְן, אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ נָאךְ עֶפֶּעס רַאטֶעוֶוען...׳

דֶער אִיד נִישְׁטֶערְט צְוִוישְׁן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע זַאכְן, עֶר זוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס, עֶר זוּכְט עֶפֶּעס צוּ גֶעפִינֶען, אָבֶּער אַלֶעס אִיז פַארְבְּרֶענְט ... עֶנְדְלִיךְ טְרֶעפְט עֶר אַ לֶעפְל, עֶר הֵייבְּט עֶס אוֹיף מִיט אַ שְׁמֵייכְל, עֶר פְרֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶועןן פוּן דִי שְׂרֵפָה.

אַרִיבֶּער דִי גַאס גֵייט דֶער צַדִיק רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב, עֶר גֵייט מִיט תַּלְמִידִים, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אַז אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע ווארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת,

מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז פַּארְבְּרֶענְט פוּן טוּן שְׁלֶעכְטְס – זָאל מֶען זוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס, מֶען זָאל זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט.

אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג זֶעט רֶבִּי נָתָן דִי פַּארְבְּרֶענְטֶע הוֹיז, אוּן ווִי דֶער בַּעַל הַבַּיִת זוּכְט צְוִוישְׁן דִי פַּארְבְּרֶענְטֶע זַאכְן – וָואס עֶר קֶען רַאטֶעוֶועֶן. "קוּקְט אַהִין!" זָאגְט רֶבִּי נָתָן פַּאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "דָא קֶענְט אִיר זֶען מַמָּשׁ וָואס מִיר רֶעדְן יֶעצְט, דֶער אִיד הָאט נֶעבֶּעךְ פַּארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע הָאבּ אוּן גוּטְס, אוּן דָאךְ אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, אַזוֹי דַארְפְן מִיר לֶעבְּן, מִיר טָארְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מִיר דַארְפְן אַלְץ זוּכְן וָואס מִיר קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן".



טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם צַדִּיק אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט אַלֶעס פַּארְלוֹירְן – זָאל מֶען זוּכְן עֶפֶּעס צוּ רַאטֶעוֶועֶן, אוּן זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט.

**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**


צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
חו"ל: 212-444-9191, 1-5-2-1